**Rabbi Yoel Roth**
123 South 8th St
Brooklyn NY 11211

**יואל רוטה**
ר"מ תפארת התורה ברסלב
ברוקלין נ.י. יע"א

בעזרת ה' יתברך

יום א' פרשת במדבר, כ"ז אייר, מ"ב לעומר, שנת תשפ"ה לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

מיר קומען שוין נענטער צו קבלת התורה, וויל איך דיך מחזק זיין שוין פון היינט זאלסט אנהויבן לערנען יעדן טאג אביסל חומש מיטן תרגום, איינגעטיילט לויט די טעג פון די וואך. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ח.): "לעולם ישלים אדם פרשיותיו עם הציבור שנים מקרא ואחד תרגום, שכל המשלים פרשיותיו עם הציבור מאריכין לו ימיו ושנותיו", דער וואס לערנט יעדע וואך די פרשה, צוויי מאל יעדע פסוק חומש, און איין מאל יעדע פסוק תרגום - וועט האבן אריכות ימים ושנים, און עס ווערט געברענגט אין שולחן ערוך (אורח חיים סימן רפה, סעיף ג): "מיום ראשון ואילך חשוב עם הצבור", פון זונטאג קען מען שוין טון די מצוה, און דער משנה ברורה זאגט (שם, סעיף קטן ח), אז דער גר"א האט זיך אזוי געפירט, ער האט יעדן טאג געלערנט שנים מקרא ואחד תרגום און דאס געענדיגט ערב שבת; זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי און אזוי ווייטער. אויך קען מען לערנען פון פאראויס, זונטאג ביז שלישי, מאנטאג ביז רביעי, און אזוי ווייטער.

אויך זאלסטו זיך מאכן א שיעור צו לערנען משניות און גמרא. איך ווייס דו האסט תירוצים, דו קענסט נישט לערנען, דו פארשטייסט נישט, דו האסט שווערע טעג, אבער דער רבי האט אונז געגעבן א וועג צו לערנען אפילו אן פארשטיין, איז פארוואס זאלסטו נישט פרובירן די זיסע וועג פון זאגן די ווערטער פון די תורה? חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה יג, ז), אויפן פסוק (בראשית ב, ה): "'וְאָדָם אַיִן לַעֲבֹד אֶת הָאֲדָמָה', לֹא נִבְרָא אָדָם אֶלָּא לְעָמָל", דער מענטש איז נישט באשאפן געווארן נאר אויף זיך צו פלאגן, "אִם זָכָה, הוּא עָמֵל בַּתּוֹרָה", אויב איז ער זוכה פלאגט ער זיך אין תורה, "וְאִם לֹא זָכָה", און אויב ער איז נישט זוכה, "הוּא עָמֵל בָּאָרֶץ", פלאגט ער זיך אין ארבעטן מיט די ערד, "אַשְׁרָיו לְאָדָם", וואויל איז דעם מענטש, "שֶׁהוּא עָמֵל בַּתּוֹרָה", וואס זיין פלאג איז אין די תורה; איז דאך ממש א שאד, אנשטאט זאלסט זיך פלאגן מיט נארישקייטן - קענסטו אויסניצן די פלאג מיט גוטע זאכן, מיט לערנען די הייליגע תורה.

זיי נישט קיין בטלן, זיי נישט נאריש, כאפ אריין יעדן טאג חומש, משניות, גמרא וכו', דאס איז די גרעסטע עשירות וואס איז דא. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קכ.), אויפן פסוק (ישעיה ג, ז): "'וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה', זֶה שֶׁאֵין בְּיָדָיו לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד", א מענטש וואס לערנט נישט יעדן טאג אביסל חומש, א פרק משניות און א דף גמרא, דער מענטש איז דער גרעסטער ארעמאן.

איך בין געווען אין מירון ל"ג בעומר, איך האב באזוכט אונזערע מוסדות אין בני ברק, טבריה און ירושלים, אויך אין ישיבה, עס איז אזוי שיין צו זען ווי עס וואקסט אויף א דור אזוי ריין און הייליג, לויט די וועג וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט על פי די עצות פון הייליגן רבי'ן.

הלואי וואלסטו אויך געברענגט דיינע קינדער אין רבינ'ס מוסדות, זיי זאלן אויפוואקסן געזונט און הייליג, אריינגעבאקן די ריינע אמונה.

יום טוב שבועות וועל איך אם ירצה ה׳ זיין אין שטעטל, מיר וועלן אם ירצה ה׳ באנייען דעם נייעם בית המדרש ״היכל דוד״, און מוצאי יום טוב וועלן מיר טאנצן און זיך פרייען אשר בנחל שם גורלינו.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

יואל רוטה